„RADOMER-KIELCER-LEBEN“ 48 (156) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ דריטער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

**היינט 10 זייטען.**

לרגלי האירוסין של חברנו מר משה
ראזנברג עם העלמה מרת מניא
לאנדאו אנו מברכים אותם בברכת
מז"ט. תהי דרכם צלחה וזוגת בשושנים
משה קליינמן, חיים בורנשטיין

צו דער פערלאָבונג פון אונזער קוזין
משה ראָזענבערג מיט פר"ל מאַניע
לאַנדאַו וואונשן מיר א גליקליכע
צוקונפט און מיט דעם שריט זאָל זיך
אָנהויבען די צופריעדענסטע און
אָנגענעהמסטע עפּאָכע אין זייער לעבן.
אלתר גאָלעמביאָווסקי
מיט פרוי און זוהן.

3-go grudnia 1926 r. פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ראַדאָם פרייטאָג כ"ז כסלו תרפ"ז

צום פערלאָבונג פון אונזער פריינד
ה' משה ראָזענבערג מיט פר"ל
מאַניא לאַנדאַו ווינשען מיר א הער-
צליכען מז"ט און א גל קליכע צוקונפט.
באַקמשא, חיים אשר
און שרה'לע גאָרפינקעל.

Naszemu kochanemu bratu
**Mojżeszowi** z intencji
Jego zaręczyn z p. **Manią
Landauówną** życzymy
szczęśliwego pożycia na Ich
nowej drodze.
**Blumka i Lejzor Rozenberg.**

**MANIA LANDAUÓWNA**
**MOJŻESZ ROZENBERG**
Z a r ę c z e n i
Radom 27 listopada 1926

צו די תנאים פון אונזער
ליבען זוהן משה יהודה
מיט פר"ל מאַניע לאַנדאַו
וואונשן מיר זיי גליק מזל
און אייביגע צופרידענהייט.
עלטערן: שלום און זיסע
ראָזענבערג.

א הערציגען מזל-טוב וואונשען
מיר אונזער קוזינקע נעמי
בירענבוים צו איהר פערלאָ-
בונג מיט ה' לעאָן זילבער
זאָל זייער נייער לעבענס-וועג
באַגלייט ווערען פון גליק און
צופרידענהייט.
ל. בירענבוים מיט פרוי.

אונזער פריינדין נעמי בירענבוים
צו דער פערלאָבונג מיט ה' לעאָן
זילבער ווינשען מיר א הערצליכען
מזל-טוב. די עלטערן ר' יונה און
אסתר הינדע ווינשען מיר דאָס זיי זאָלן
און זייער בת יחידה פיעל נחת האָבען.
צביה און יצחק ווייסבאָרד.

Z intencji zaręczyn
panny **Noemki Birenbaumównej**
z panem **Leonem Zylberem**
życzę im szczęścia i wiecznego
zadowolenia.
**D. Hammerstejn.**

א הערציגען מזל-טוב וואונשען מיר אונזער שכן
יוסיל לאַנדאַו מיט פרוי צו די תנאים
פון זייער ליבע טאָכטער מאַניע מיט ה' משה
ראָזענבערג. זייער זיווג-בונד זאָל געשלאָסען
זיין אין א מאָמענט פון גליק און צופרידענהייט.
יוסיל רייך (טאָקאָוס)
מיט פרוי.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינדינען
נעמי בירענבוים
מיט ה' לעאָן זילבער אויס לובלין
ווינשען מיר זיי ווי אויך די עלטערן
א הערצליכען מזל טוב
באַלטשא און מרדכי לייב פישמאַן

Z intencji zaręczyn
p. **Noemi Birenbaumównej**
z p. **Leonem Zylberem**
życzę wiele szczęścia
i dużo miłości.
**M. Nusbaum.**

צו דער פערלאָבונג פון פר"ל חעלא
לעסלאַו מיט ה' מנשה דאָבּרעצקי
ווינשען מיר א הערציגען מזל-טוב
זאָל זייער צוזאַמענבונד געשלאָסען
זיין אויף עוויגע גליקליכע, גוטע יאָהרען.
פאַמיליע ראָזין.

דעם ה' איטשע מאיר לעסלאַו
צו די תנאים פון זיין טאָכטער זיסעל
מיט ה' מנשה דאָבּרעצקי אויס לאָדז
ווינשט א ברכת מזל-טוב.
דער קאָמיטעט פון דער ת"ת-אָבטיילונג
אויף פּאָקאָרשעווער גאַס.

דאָנערשטאָג 2, פרייטאָג 3 און שבת דעם 4 ה. ח.
אין קינאָ-טעאַטער „קאָרסאָ“ אין ראַדאָם
3 גאַסטראָלן פונ'ם וואַרשאַווער יודישען קליינקונסט — טעאַטער
**סמבטיון**
גראָטעסקע אין 2 אַקטען, 12 בילדער מיט א פּראָלאָג.
צוזאַמענגעשטעלט און רעזשיסירט פון יצחק נאָזשיק — מוזיק פון ש. ווינבערג
דעקאָראַציעס פון וו. ווינטראויב.
פּראָלאָג. א בליק אויף יענער זייט סמבטיון: 1) דער בלינדער אימאַי.
הויף אָפּערע אָהן א דעפיציט 2) אין ראַבּינאַט. סקאַנדאַלען פון אָנהויב ביזן סוף
3) שבת נאָכ'ן טשאָלנט ניטשעוואָ ניע פּאָנימאַיו. 4) היינט! מאָמענט! פאָלקס-
צייטונג! 5) בריליאַנטי. א קוראַנט צרטיקל. 6) נאַכט שאָטנס. אזוינס און אזעלכעס
7) אין „קיטשימענט“ 8) שטרייענדע אלמנ'ס 9) טאַנץ משוגעת 10) מאַרגאַריטקעס
11) אַז דער רבי אלימלך. 12) אויף יענער זייט סמבטיון.
ס'בעטייליגען זיך פרויען:
אננאַ גראָסבערג, אַ. לעווין, צילאַ ראַפעל, ס. גינגאָלד,
ס'בעטייליגען זיך מענער:
ה. פענגשטיין, א. ראַטמאַן, א. בערמאַן, א. אייזענבערג,
ה. פישער, גרינשפּאַן, לעווין און אַנדערע.
אייגענע מוזיק אייגענע דעקאָראַציעס און רעקוויזיט. אָנהויב 9 אָוונט.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער. געשעפטס-פיהרער: ה. אַקרענט.
בילעטען קאָן מען אויך בעקומען ביי ה' צימערמאַן לובלינער 11.

*Zarząd Domu Sierot*
składa serdeczne podziękowanie
*Dr. Szenderowiczowi*
za ofiarowany worek mąki.
*Zarząd.*

Z intencji zaręczyn
p. **Rózi Goldfarbówny**
z p. **Leonem Urynem**
życzymy aby dzień ten był symbolem wiecznego szczęścia
i zadowolenia.
**Hela Szermanówna**
**Regina Szejerówna**

**LOLI I HALI SILBERSZTEINÓWNOM**
**z powodu nieodżałowanego zgonu ICH**
# OJCA
wyrażamy szczere współczucie.
**Adaś, Józiak, Kuba, Lolek i Szymek.**

Najgłębsze współczucie wyrażamy koleżance naszej
i b. prezesowi **LOLI SILBERSZTEINÓWNIE**
z powodu zgonu Jej
# OJCA
**Zarząd „Koleżeńskiej Pomocy“ przy
gimn. tow. „Przyjaciół Wiedzy“ w Radomiu.**

# צו דער לאגע פון די יודישע גימנאזיעס אין ראדאם.

(אנ'ענטפער דעם ה' ב. צוויַיג.)

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ארטיקעל „דער פאטאלער מצב פון די יודישע גימנאזיעס" וואס איז געדריקט געווארען אין פאריגען נומער פון אונזער צייטונג האט ה' פרענקעל אונז צוגעשיקט פאלגענדע אויפקלערונג.

רעד.

כדי אבצופרייבען די פינסטערע מרת שחורה, וואס ה' ב. צוויג'ס ארטיקעל האט אנגעווארפען אויף א טהייל לעזער, געפון איך פאר נויטיג צו געבען איניגע אויפקלערונגען:

א) בנוגע דער ווירטשאפטליכע לאגע:

נישט נאר דער דעפיציט האלט נישט אין איין וואקסען, נאר פערקעהרט, א העלבער דעפיצים פון פאריגען יאהר איז אבגעצאהלט געווארען און ווען דער ביודזשעט פון דער גמינע וועט זיין בעשטעטיגט, וועט מען פון קיין דעפיציט מעהר נישט רעדען. די מאַגאַטליכע הוצאות זענען פערקלענערט פון 11.000 ביז 8.500 זלאטעס. געוויסע רעדוקציעס צוליב שפארזאמקייט זענען געמאכט געווארען. די צאהל שילער, איז נאר נישט קלענער היי—יאהר און ס'איז דא צו האפען, אז פון ניי-יאהר וועט זי נאך שטייגען. ס'איז צוגעקומען א פארבערייטונגס—קלאס, וועלכע האט פאריגעס יאהר נישט עקזיסטירט. די „מעשה" פון העכערן דעם שכר-למוד, איז א פוסטער קלאנג, אהן שום יסוד. פערקעהרט, עלטערן וועלכע האבען צו עטליכע קינדער בעקומען היי—יאהר הנחות אהן בעזונדערע ביטטעס. ממילא קען קיין רייד נישט זיין פון וועלכען ס'איז „פאטאלען מצב" פון די גימנאזיעס.

ב) בנוגע די פעדאגאגישע זייט קאן מען זיך פעררופען אויף די לעצטע וויזיטאציע פונ'ם וויזיטאטאר ה' בראנעל פון ווארשאווער קוראטאריום, וועלכער האט געלויבט דאס רוב לעהרער פון גימנאזיום, פאר זייערע גרויסע פראגראם—פאדערונגען צו די שילער. ס'איז נאר פארהאן א האפנונג היי—יאהר צוריקצובעקומען די רעגירונגס — רעכט, וועלכע דער אמאליגער דירעקטאר וויאקאווסקי האט געלאזט פערליערען. די יודישע למודים, אמת, שוואנקען, אבער קירצליך וועלען אויך דא אנגענומען ווערען די געהעריגע מיטלען.

ג) בנוגע דעם דירעקטאר—פאסטען

מאכט ה' צוויג שוין אזעלכע בוין—פברות, אז ס'איז ממש צו בעוואונדערן. דער קוראטאר האט נישט בעשטעטיגט ה' זיעלינסקי, פון וועלכען דער קאמיטעט האט געהאט די בעסטע ידיעות און רעקאמענדאציעס. געגען דעם רעכט פון קוראטאר קאן מען גאר נישט אויפטהון, דאס איז א פאקט. דער קאמיטעט האט געמאכט א רעקורס. אבער, אהן רעזולטאט. דעריבער קאן דער קאמיטעט נישט זיין פעראנטווארטליך נישט מאראליש, נישט מאטעריעל. ממילא פאלען אויעק די חשערות וועגען מוֹ-ועו בעצאהלען ה' זיעלינסקי א יעהרליכע שכירות, וועלכע ה' זיעלינסקי אליין האט גאר נישט געפאדערט, ממילא קאן קיין רייד נישט זיין, אז צוליב דעם וועט דער דעפיציט „פערגרעסערט" ווערען, ווי ה' צוויג האט אויסגערעכנט. געוויס, ס'טהוט לייד אז ה' זיעלינסקי, וועלכער איז 10 יאהר געוועזען דירעקטאר, מוז אבטרעטען אבער קיין טראגעדיע איז עס נישט. די גימנאזיעס עגזיסטירען און וועלען עגזיסטירען.

דער נייער דירעקטאר וועט זיין ה' אינז. אלעקסאנדער רוסאק, נישט פון ביאליסטאק נאר פון לאדז, ער איז מרעזעס פון פעראיין פון די יודישע גימנאזיאל—דירעקטארען אין פוילען. צו זיין אנגאזשירונג מוז מען דעם קאמיטעט גראטולירען, אבער נישט אריינגיסען ביטערע מיללען... און די בעפעלקערונג אנווארפען א שרעק פאר די שולע און פאר די יוגענד.

געוויס פיעל וועט האבען דער קאמיטעט נאך אויסצובעסערן, דער עיקר אבצושאפען דעם וועקסיל — סיסטעם, וועלכער איז א זעהר גרויסער מכשול, אבער צוליב דעם אפילו ווערט די לאגע פון די גימנאזיעס נאך נישט קיין פאטאלע...

דאס איינציגע קערנדעל אמת אין ה' צוויגס ארטיקעל איז דאס, אז מען מוז באלד צוזאמענרופען א אלגעמיינע פערזאמלונג פון די עלטערן. נישט בלויז די טראדיציע, נאר דער נוצען פון די גימנאזיעס פאדערט עס, און פריהער פאר אלעם – כדי אבצוגעבען א אמת'ען בעריכט פון רעם מצב און צו בערוהיגען די געזעלשאפט, וועלכע קאן אריינפאלען אין דאגות צוליעב דעם פעסימיסטיש ארטיקעל פון דעם ה' ב. צווייג.

יחיאל פרענקעל.




# די חנוכה-מנורה.

(ערצהלונג.)

ב. פערלמוטער.

באלד נאך מעריב איז דער אלטער ירוחם נעגאנגען א היים. די אלטע חסידים פונ'ם בית-המדרש האבען איהם אפילו געטרובט פערהאלטען, בכדי ער זאל זיי, ווי תמיד, דערצעהלען חסידי'שע מעשיות, וועלכע ר' ירוחם האט אזוי פיעל געקענט, נור ער האט זיי מיט א זיפץ ערקלערט, אז זיין שרה איז זעהר קראנק. די חסידים האבען אויף איהם געקוקט מיט בעדויערונג און איהם געלאזט צורוה.

– א גוט אווענד!—האט ר' ירוחם געזאגט זיין פרוי אריינקומענדיג אין זיין קליין שטיבעלע.

— א גוט יאהר!—האט זיך געהערט א שוואכע קראנקע שטימע פון שרה'ן, וועלכע איז געזעסען אויף א קישען נעבען דער ווארימער הרובע.

ר' ירוחם האט א קוק געטוהן אויף איהר געל געקנייטשט פנים, אויף איהרע אויפגעלאשענע אויגען, אויף איהר שווער אטעמען—און א שוידער איז איבער זיין לייב דורכגעגאנגען. ער האט פערשטאנען, אז זעהר גיך וועט דאס געשעהן..

— די ווייסט, שרה, אז היינט איז דער ערשטער טאג חנוכה!—האט ר' ירוחם געזאגט צו זיין פרוי.

— חנוכה?!—האט שרה אויסגעשריען, און האט אנגעהויבען קוקען אין אלע זייטען. ר' ירוחם האט פערשטאנען איהרע בליקען. ער איז באלד ארויסגעגאנגען און האט צוגעמאכט די לאדענס.

אז ער איז אריינגעקומען און האט פארהאקט די טיהר, האט איהם שרה דערלאנגט א קליין שליסעלע, וועלכעס זי האט תמיד אויפ'ן הארצען געטראגען.

ר' ירוחם האט ארויסגענומען פון שרה'ס בעט א גרויס אייזערן קעסטיל. מיט'ן שליסעלע האט ער דאס קעסטעלע געעפענט, ארויסגענומען פון דארט א גרויסע שעהנע גאלדענע מנורה און האט זי אויפ'ן טיש געשטעלט.

די מנורה האט דאס אריטע קליין-שטיבעלע בעלויכטען. די זעלטען קינסטלערישע פון גאלד געגאסענע בילדער מיט די בריליאנטענע אויגען האבען געשיינט אין יעדער ווינקעלע, און ס'האט אויסגעוויזען ווי דאס גאנצע ארימע שטיבעלע טובל'ט זיך אין איהם פון גאלד און אבנים טובות...

ר' ירוחם האט אנגעגאסען בוימאייל. דערנאך האט ער זיך אנגעבויגען. הויך די ברכה געמאכט און האט דאס קנייטעל אנגעצינדען. די מנורה האט אנגעהויבען לויכטען מיט א פאנטאסטיש פייערל...

„הנרות הללו, שאנו מדליקין"... האט ר' ירוחם אנגעהויבען זינגען מיט א חסידיש נגונ'דעל, ארומגעהענדיג איבער'ן שטוב.

שרה איז געזעסען ביי דער הרובע און האט געקוקט אויף דער ברענענדיגער מנורה. איבער איהר פערגעפעלטן מח האבען זיך איצט דורכגעטראגען פיעל זכרונות פון דער יוגענד, וועלכע זענען פערבונדען מיט דער מנורה.

... צוריק מיט זעהר פיעל יאהרען—זי איז נאך א קינד געווען. אייגמאהל איז איהר פאטער פונ'ם וועג געקומען, וואו ער האט איינינע וואכען פערבראכט. ער האט מיט זיך געבראכט פיעל אל-

Dotknięci przedwczesnym zgonem OJCA Ich

# b. p. NATANA SILBERSTEINA

**wyrażamy** EWIE i JEJ RODZINIE

**swój najgłębszy żal i współczucie.**

Bela, Regina, Hela, Moniek,
Gienek, Jakób, Chatek i Artur.

---

## אויפרוף.

די היגע געזעלשאפט „מנחמי אבלים“ איז ווי בעוואוסט שוין מהזטיג א רייהע יאהרען. צוליב דעם אבער, וואס די ביזאהעריגע לייטונג האט וועניג געזארגט, אז אזא אינסטיטוציע זאל פארנעמען דעם פערדיענטען פלאץ אויף דער אויבערפלאך פון ראדאמער געזעלשאפטליכער לעבען — איז די דערמאנטע געזעלש. לעצטענס גענצליך רעארגאניזירט און איבערגעבויט געווארען. א גהויסע צאהל מענשען מיט צוטרוי און ארגאניזירונגס־פעהיגקייט האבען איינגעזעהען, אז אזוי קען א אינסטיטוציע נישט עקזיסטירען: ערשטענס מוז א פילאנטראפישע געזעלש. ווערען לעגאליזירט דורך דער מאכט, ווי אויך אין דער שפיץ מוזען שטעהן מענשען, צו וועלכע מ'האט צוטרוי. דאס אויבענדערמאנטע איז שוין דערגרייכט, און ס'איז שוין לעגאליזירט און ס'איז אויך געוועהלט געווארען א פערוואלטונג פון פאזהיגע מענשען.

צו דער אינטענזיווסטער טהעטיגקייט מוז מען האבען **מאטעריעלע מיטלען** און ביז'ן היינטיגע טאג האט די געזעלש. **„מנחמי אבלים“** דאס נישט. די הכנסות זענען ביז היינט איינגעפלאסען פון שמחות. אבער דאס איז נישט קיין רעאלע און געװענענדע הכנסות. **דער עיקר איז מיטגלידער.** די היינטיגע פערוואלטונג וויל אויסנוצען איהר פאזהיגקייט און **פון אייער ראדאמער בירגער ערוואַרט מען די געלד־שפענדונגען.** זאל קיינער זיך נישט אבזאגען **פון פערשרייבען זיך אלס מיטגליד** אין דער נוצליכער געזעלש. ווארענם אויפגאבע איז **צו העלפען דעם אומגליקליכען אין דער צייט פון זיין אומגליק ר"ל.** גלייכצייטיג מערקט מען אן, אזוי ווי פארלויפיג, צוליב מאטעריעלע סבות, האט נישט די געזעלשאפט קיין לאקאל, קאן מען זיך, ווענען בעקומען הילף, ווענדען פערזענליך, אדער דורך אזעלכע פערזאנען, וועמען ס'איז בעוואוסט פון א בכבוד'ען אומגליקליכען ר"ל צום פרעזעס **ה' א. בירענבוים באסעינא 4** אדער צום וויצע פרעזעס **ה' איטשע פישמאן רווינסקא 23.** בלי מות לנצח.

ראדאם חודש כסלו תרפ"ז **די געזעלשאפט „מנחמי אבלים“** אין ראדאם.

פרעזעס: אביש בירענבוים. וויצע־פרעזעס, איטשע פישמאן
פערוו. מיטגל. אברהם פוקס, דוד וויינבערג, משה גוטמאן,
„ ישעי' ראזענצווייג, יעקב שמואל גלמאן, ישראל זיידמאן,
„ שמעריל ציטרינאוויטש, א. ז. סאקאלאווסקי
„ אפרים פלאמענבוים, נ. שטעלמאן, ה. ב. מיידאן.

---

**Wszystkim, którzy oddali ostatnią przysługę najdroższym nam zwłokom naszego niezapomnianego OJCA**

# b. p. NATANA SILBERSTEINA,

zmarłego w Radomiu dn. 26 list. 1926 r., a szczególnie p. p. **M. Wajnbergowi, i D. Frenklowi** składa serdeczne Bóg zapłać osierocona.

**RODZINA.**

---

**Rodzinie SILBERSTEIN z powodu przedwczesnego zgonu ich b. p. męża i ojca**

# Natana Silberstejna

wyrażają nyjgłębsze współczucie.

*M. Wajnberg z rodziną.*

---

Naszej drogiej koleżance **Hali Zylbersztein** wyrażamy najszczersze współczucie z powodu śmierci jej

# OJCA

**Koledzy i koleżanki**
**kl. VI Gimn. Koed. „PRZYJACIÓŁ WIEDZY“.**

---

Naszej drogiej koleżance **Hali Zylbersztein** wyrażamy najszczersze współczucie z powodu zgonu jej

# OJCA

Koleżanki: **Fela Denówna, Celina Sztajnbekówna**

---


## אכטונג האנדווערקער!

זונטאג דעם 5—טען דעצעמבער ד. י. 7 אין אװענד אין לאקאל פון האנדווערקער קלוב וועט פארקומען

**א אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון האנדווערקער**

אויף וועלכע עס וועט בעטראכט ווערען איינינע דרינגענדע וויכטיגע פראגען, וואס זענען נוגע דעם גאנצען כלל האנדווערקער.

איינגאנג פריי! קומט מאסענווייז!!



## OBWIESZCZENIE.

W dniu 3 grudnia 1926 r. o godz. 10 ej rano w Wydziale Gospodarczym Magistratu m. Radomia odbędzie się LICYTACJA ofertowa na sprzedaż:

150 kwintali słomy żytniej
150 „ „ owsianej
200 „ siana starego
i 100 „ potrawu.

W razie niedojścia licytacji do skutku, będzie przeprowadzony przetarg ustny

Radom, dn. 29 listopada 1926 r.

p. o Prezydenta m. Radomia **Domański.**



זונטאג פרשת ויגש 5|12 4 נ. מ.

וועט דער בעוויסטער בית מדרש חזן

# ישראל קופפער

צוזאמען מיט א כאר בענטשן אין ב'ה דאס זעקסטע חנוכה־לעכטיל און וועט אויך אויספיהרען איינינע נייע שעהנע נומערן. בעמערקונג: די פרויען־שוהל וועט אויך זיין אפען



Kino „CORSO“ w Radomiu.

Od poniedziałku 29 i dni następnych.

# MIŁOSTKI Carskiego Huzara

*dramat w 10 aktach.*


### אויפקלערונג.

אין נאטיץ וועגען דער ערעפנונג פון ת"ת אויף דער סקארשיזער גאס, וואס איז געווען געדרוקט אין פאריגען נומער, איז פארגעקומען א פערדריסליכער טעות: אנשטאט די ווערטער „די אנגעזעהענסטע בה"ב פון סקארשעווער גאס“ האט געדארפט צו זיין „די איינוואהנער פון דזשערזשקאוו, גלייכצייטיג אין די גרעסטע אנערקענונג קומט די איינוואהנער פון דזשערזשקאוו“.